דורך און דורך א רעפארמער, א ראבאי א תשעה באב טענצער און יום־כפור חזיר עסער איז גאר נישט, ער – דער ראבאי – בעדארף זיין א אמת׳ער וינבל צור׳ניק, עס איז ווניג וואס ער שליסט א בונד חברה אדער אגודה מיט פארשיעדענע כומרים פון אלע עבודה זרה׳ס נאר א ראבאי וואס זאל בריינגען דעם כומר צו לעקטשורן אין טעמפעל!

פארוואס איז דאס אז וישמן ישרון ויבעט, האבען די גרעסטע דריי מפרשי התורה ניט ערקלערט, אבער ליידער איז דער פאקט אז א גרויסער טייל פון די וישמן אידען ווערן ויבעט׳ניקעס, און ווען מען ווערט א ויבעט־איד ר״ל פאלט מען אלץ גייסטיג נידעריגער און נידעריגער, און ווען מען פאלט גייסטיק נידעריגער, וויל מען האבען אלץ מעהר גייסטיג נידעריגען פיהרער.

אלעמען איז בעקאנט דער אויסטייטש פון דער משנה פני הדור כפני הכלב ווי הגאון האדיר ר׳ ישראל ז״ל סאלאנטער האט אויסגעטייטשט.

אין מאסקווא איז געווען א חסידישער רב א גרויסער ת״ח, ר׳ יעקב נ״ע ווידרעוויטש איז געווען זיין נאמען – נאך גירוש מאסקווא איז ער אוועק קיין אמעריקא – זיינע שיחות חולין האט מען נאכגעזאגט, פון זיינעם א וויץ האט מען פיעל געלערנט.

ווען הרב ווידרעוויטש איז געווען רב אין מאסקווא איז בא די יונגע רייכע אידישע זיהן געווארן א מאדע גיין שפאצירן מיט הינט, קליינע הינט, גרויסע הינט, אלע הינטישע שיינהייטן און אלע שיין פארפוצטע מיט לאנגע רימענס האבן די בעלי בתים געהאלטן זייערע שפאציער מיטגייער.

די טבע פון א הונט איז אז ער גייט פאראויס פאר דעם בעל הבית און האלט אין איין לויפן, א קליינעם הונט קען דער בעל הבית נאכהאלטן, אבער די גרויסע הינט, וועלכע זיינען זייער געזונט, איז ניט נאר דער בעה״ב קען זיי ניט אפהאלטן נאר זיי – די הינט – שלעפן דעם בעה״ב און פיהרן אים וואוהין זיי ווילען.

מר זאב ז״ל וויסאצקי איז דאן געווען דער ראש הקהל אין מאסקווא הרב ווידרעוויטש האט זייער געאכט מר וויסאצקין פאר

---

אויסטייטש . . סאלאנטער: ראה לעיל שם.

גירוש מאסקווא: תרנ״ב. ראה אגרות קודש אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע, ובהערות שם.